די בני המשפחה האט אויף דעם טיף געווייטאגט, אז אין אזא קריטישער מצב, איז ער גאר נישט טועם. האט זיך להבחל"ח זיין חשוב'ע שוועסטער מרת. לאנגסאם לאויט"א זיך אנגערופן, לאטץ מיר צו. זי איז צוגעגאנגען צום ברודער וואס האט ניטאמאל געהאלטן אפן די אויגן, און אים געזאגט: 'לייבוש, לייבוש, פאר יעדע לעפל זופ גייט א דאלער אין פושקע פון רבי מאיר בעל הנס, און וואס? באלד האט ער גענומען די לעפלן זופ אין מויל. דאס הייליגי צדקה איז ביי אים געלעגן בנפשו ובנשמתו, אז פאר 'צדקת רבי מאיר בעל הנס כולל חבת ירושלים' קומט מען צו טון אלעס אפילו אין אזעלכע אומשטענדן.

### געבליבן זיצן מיטצוהאלטן

עס איז שוין געווארן גאנץ שפעט, אבער דער ציבור הנאספים איז געבליבן זיצן מיטצוהאלטן און צו מכבד זיין דעם מאורע. דער יו"ר האט דאן דורכגעפירט די דינער פרעזענטירונגען פאר די חשוב'ע באערטע. צו ערשט האט ער בשם הנהלה געלייענט און געשיקט א 'פלעק' פאר אשת חבר כחבר הרבנית הצדיקת מרת גרינבערג שליט"א, דורך בנה החשוב והחביב הרב ר' שלוי' פסח שליט"א, ווי הנהלה ברענגט ארויס איר חלק כחלק אין דער עבודת הק' פון איר גרויסן מאן זצ"ל.

דערנאך איז דער יו"ר אריבער צו באערן דעם וואקסנדן תורה פערזענליכקייט אין שטאט, הרה"ג ר' שמואל אלטר שפירא שליט"א, וועלכער איז א משפיע רוחני און מרביץ תורה אין דער בעלזער שטיבל אויף וואיאלע ראוד. לכבודו זענען ארויף גערופן געווארן די גליקליכע טאטע און שווער פון דעם מקבל 'פרס חבת ירושלים' וואו אין פרס ווערט אויך אנגעוויזן, אז רבי שמואל אלטר שליט"א איז דא א ממשיך מורשת אבותיו הק', אלס אייניקל פון כ"ק אדמו"ר מנאראל שליט"א ראש הנהלת הכולל בארה"ב.

### א מוסטער פון אן עסקן

אלס א תושב העיה, האט ר' מאיר מרדכי פון אייגענער ערפארונג פיל פארצייללט פון די פעולות נשגבות פון מקבל 'נזר העסקנות' הרבני היקר מוה"ר יהושע פישער הי"ו, וועלכער איז דער בריח התיכון פון דעם הערליכן קהילה קדושה צאנז-קלויזענבורג און איר נעץ פון מוסדות החינוך אין מאנסי, און בכלל אן עמוד התווך לכל קדשי העדה הקדושה בעיר ניו יארק. ער האט אנגעוויזן אויף ר' יהושע אלס א מוסטער פון אן עסקן, וואס יעדע קהילה און מוסד וואלט זיך געוואונטשן.

מיט'ן יערליכן פרס 'גבאות קודש' האט מען בשנה זו מכבד געווען א טייער יונגערמאן פון דער באבובער קהילה אין מאנסי, מוה"ר צבי קאפל צאנגער הי"ו. ער איז מחשובי לומדי הכולל באבוב בעיר, און א גבאי נאמן פאר די צדקה הקדושה, גייענדיג מיט'ן פושקע פון כולל מדי יום ביומו, ביי מניני התפילות.

### מחדש נפלא בתורה

א פלאמיגע דרשה רב תוכן אויף קדושת צדקה זו איז צום שלוס פון ליל מורשת געזאגט געווארן דורך האי ממללן רברבי הרב הגאון רבי יהושע שלוי' רובין שליט"א ר"מ בישיבת צעירים דסאטמאר אין וויליאמסבורג. אן אוצר גדול פון מאמרי וסיפורי צדיקים אין פארבינדונג מיט די צדקה איז געהערט געווארן אין דעם 'משא הערב', וועלכע זענען טרעפליך אויסגעטייטשט געווארן פון דעם מחדש נפלא בתורה בדרכי אבותיו הקדושים לבית ראפשיץ, רופנדיג דערמיט צו גיין בדרכי הצדיקים, וואס משאת חייהם איז געווען דאס שטיצן אחבנ"י בארה"ק.

פאר ברהמ"ז, מיט וועלכע מ'האט מכבד געווען הגאון רבי משה גרינבערג שליט"א ראש ישיבת שער אפרים, איז דורכ'ן יו"ר געמאלדן געווארן, אז די תלמידי הגה"צ רבי אשר זעליג זצ"ל - וועלכע האבן זיך מאסנוויז לכבודו משתתף געווען - עפענען א קרן מיוחד - אינערהאלב דעם כולל - לעילוי נשמתו הטהורה בגו עדן גינתא. אלס הויפט עסקן פון קרן איז דארט אויפ'ן פלאץ ממונה געווארן תלמידו היקר מוה"ר נפתלי הירצקא שטערן הי"ו, וועלכער וועט איבערנעמען תרומות התלמידים.



# חסידי ואוהדי בית ליסקא אין טאמס ריווער, גרייטן זיך נאכאמאל צו ענטפאנגען כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א לכבוד חמשה עשר בשבט

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די פרייליכע בשורה, אז כ"ק מרן אדמו"ר מליסקא שליט"א, וועט אי"ה היי יאהר נאך אמאל קומען אויף א באזוך קיין טאמס ריווער אין ניו דזשערזי, און דארט אפרעכטן די טיש לכבוד חמשה עשר בשבט.

דער ליסקע'ר רבי שליט"א על ישראל הדרתו אין שטאט בארא פארק, האט געפראוועט די ערשטע "חסידישע טיש" און די שטוב פון הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאל הי"ו פאריאהר מיט די השתתפות פון אנגעזענע רבנים, ראשי ישיבות, און ראשי הקהילה.

די קהילה קיקט ארויס און ווארט זיך נאכאמאל צו ווייקען און פאברעגנגען בצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מליסקא און דעם מסוגלדיגען טאג באקאנט אלץ ראש השנה לאלינות ביים רבינ'ס טיש וועלכע וועט פארקומען זונטאג אוונט אור ליום חמשה עשר בשבט און שטוב פון הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאל הי"ו 2198 S Thu Ct, Toms River, NJ 08755 וואו באוואוסט דער ליסקע'ר רבי שליט"א, א תלמיד פון הגאון הגדול מרן רבי משה פיינשטיין זצוק"ל ציט זיין יחוס צו די מייסדי חסידות ליסקא, דער פועל ישועות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל ה"אך פרי תבואה", כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק בעל "טל חיים", און כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק בעל "שערי הישר" זי"ע, איז ברייט באקאנט מיט זיין כח התורה און כח ההשפעה מיט די געוואלדיגע התחזקות וואס ער לייגט אריין אין די בני הקהילה און די מעריצים לבית ליסקא. שוין באלד פופציג יאר כולן שוין לטובה וואס ער דינט אלס מנהיג און ממשיך פון די שלשלת הזהב לבית ליסקא.

דער רבי שליט"א וועט אנקומען זונטאג פרשת יתרו נאכמיטאג, און וועט דאווענען מעריב אום 7:00 אין שטוב פון די אכסניא ביי הרבני הנגיד ר' שלמה עהרנטאל הי"ו, און דערנאך וועט דער רבי שליט"א אפרעכטן די טיש דארט אין די אכסניא, מיט די באטייליגונג פון פילע חסידים ואנשי מעשה.

די באזוך אנטשפרעכט צו זיין א ריכטיגע כבוד התורה, און הרמת קרן התורה והחסידות.



כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א ביים ציון פון כ"ק אדמו"ר מסקווירא זצ"ל